די פאפירענע שלאנג

פון ווילהעלם בּוש
יודיש פון טונקעלען

30-1

119

Digitized by the Internet Archive
in 2016 with funding from
Boston Public Library

https://archive.org/details/dipapireneshlang00busc

וילהעלם בוש

די פאפירענע שלאנג

פֿרײַ בעאַרבײַט אין יודיש

דורך

יוסף טונקעל.

פארלאג ברידער לעווין-עפשטיין און שותפים

ווארשא 1921

געזעצט בײַ י. זעצער און ש. פרופעס ווארשא, לעשנא 6.

PRINTED in POLAND

Drukarnia L. LEWIN-EPSTEIN
Warszawa, Pawia 38.

די פּאַפּירענע שלאַנג.

שלאַנגען פון פּאַפּיר צו לאָזען
איז פאַר קינדערלעך אַ גליק.
אוי, איז דאָס אַ טייער שפּילכעל,
אַז איך זאָג אייך, אַנ׳אַנטיק!

לאָזט מען אָט די שלאַנג צו פליען,
פליט זי אינדערהויך און פליט.
שלינגט זי פּאָדים פונ׳ם קניילכעל,
נאָך און נאָך – זי טוט און ציט.

פליט זי אינדערהויך אין הימעל,
טוקט זיך אין דעם בלויען רוים.
אָט – אַ פּינטעלע געוואָרען, –
מיט׳ן אויג צו כאַפּען קוים.

דאָך פאַר אונזערע קונדסים
לייב און יאָסעל – איז געווען
אַ פאַרשטערניש דאָס שפּילכעל,
ווי איר וועט דאָ ווייטער זען.

אין אַ זומער־טאָג אַ שײנעם,
בײ אַ לינדען װינטעל־ריר,
האָט פאַרגלוסט־זיך לײב און יאָסלען
לאָזען שלאַנגען פון פּאַפּיר.

משה׳לע, דעם שכנ׳ס יונגעל,
האָט דערצו אויך חשק פיל;
שטײט ער צו צו דער קאָמפּאַניע, —
װיל אויך שפּילען אין דעם שפּיל.

מאַכט מען זיך די שײנע שלאַנגען,
אויסגעמאַיסטערט פון פּאַפּיר.
נעמט מען שפּינדעלעך מיט פאָדים,
און מען לאָזט זיך אויף שפּאַציר.

גייט מען זיך אַזוֹי אין־דרייען,
אָנגעגוּרט – ווי מיט געווער –
מיט די שלאַנגען, שפּינדלעך פּאָדים,
טאַקע גאָר ווי מיליטער!

גייען זיי פאַרביי אַ גאָרטען,
זעען זיי: דאָרט ביי דעם צוים,
צו דער גאַס אַרויסגעבויגען,
וואַקסט אַ שיינער עפּעל-בוים.

רופט-אויס יאָסעל: „עי, חברים!
זעט נאָר עפּעלער, ווי שען!
נאָ'מיר, קינדער, רייסען עפּעל!"
ענטפערט משה'לע: „אָ ניין! –

מ׳טאָר נישט רייסען פרעמדע פּירות·
איך וועל בעסער גיין מיין גאַנג;
איך וועל גיין אין פעלד
זיך שפּילען,
לאָזען פליען דאָרט מיין שלאַנג״.

אָבער לייב – ער איז אַ שייגעץ,
ער באַשטייט אויף יעדער זאַך –
שטעלט זיך יאָסעל אויף זיין רוקען,
רייסט־אָן עפּעלעך אַ סך.

האָט ער עפּעל פוּלע הוֹיפּענס;
גייט אוּן עסט מיט אַפּעטיט,
עסט אַנ'עפּעל נאָך אַנ'עפּעל,
לייבּ'ען אָבער גיט ער ניט.

– „עְי, אַליין גאָר אויפצופרעסְן!?
דאָס איז, ברודער'ל, אַזאַס!" –
און ער לאָזט אַראָפּ פון הינטעְן
יאָסלען אַ שטורכאַץ מיט כַּעַס.

פאַלט=אום יאָסעל אויסגעצויגען
אויף דער ערד. נאָר אויגענבליק —
און ער שטייט שוין. טראַך! עס פליט שוין
לייב'לען אַ שטוסאַק צוריק.

דאָ צעבּרענט זיך אַ מלחמה!
יעדער שלאָגט-זיך ווי אַ ריז;
פון אַ שלאַנגעל ווערט אַ פּאַנצער,
פון אַ שפּינדעל ווערט אַ שפּיז.

וואַרפט זיך יאָסעל, ווי אַ גבור,
אויף זיין שונא. פוּך! – אַ שטאָך!
טרעפט ער לייב'ען גלייך אין בייכעל,
מאַכט אים דאָרטען שיר אַ לאָך.

ווײל דאָך אָבער לײב נישט שװײַגען –
טוט ער ראַפּטום זיך אַ לאָז
מיט זײן פּיקע – פּוף! – אַ טאָרע! –
טרעפט ער יאָסלען גלײך אין נאָז.

קלאַפּט מען זיך אַזוי די זייטען, –
דער אַ בּוכץ און דער אַ זעץ;
אַיינגעשצעמעט אין די נעזער –
און מען רייסט=זיך, ווי די קעץ!

פאַלט מען אויף דער ערד אינאײנעם,
אײַנגעפּלאָנטערט, ווי אַ קנויל,
וואַרפֿען מיט די הענט און פֿיסלעך –
אַ מלחמה, אַזש אַ גרויל!

און דערווייל אין שָׁכֵנ׳ס גאָרטען
גייט דער שומר זיך אַרום,
גייט און קוקט אין אַלע זייטען –
ער גיט אַכטונג אומעטום.

פלוצלונג בלייבט ער שטיין פאַרוואונדערט
ביי דעם עפעל־בוים, ביים צוים:
„האַ? ווער האָט עס דאָ די עפעל
אָפּגעריסען פון דעם בוים?!“

כאַפּט ער גיך דאָס לאַנגע בײטשעל,
לאָזט־זיך לויפען איינס און צוויי –
ער וועט כאַפּען די גַנָבים,
וועט זיי זיין אַז אָך און וויי!

זעט ער יונגעלעך זיך ראַנגלען,
און די עפּעל ביי דער זייט –
הויבּט ער אויף דאָס לאַנגע בייטשעל
און פאַרשאָבּט די פיינע לייט.

– „נאַט אײַך עפּעל! נאַט אײַך עפּעל!“ –
שרייט דער שומר פונ'ם סאָד.
און דאָס בייטשעל פּאָכעט, שווישטשעט,
שנייט דאָס לייב און באַקט און בראָט.

כאַפּעָן זיי זיך אויף, די שטיפערס,
מיט אַ יאָמער און געשריי;
כליפּען, שלוכצען, גיסען טרערען,
אז עס טוט זיי נעבעך וויי...

אויפגעזאַמעלט האָט דער שומר
גאָר די עפּעל פון דער ערד
און ער גייט אַהיים צופרידען–
ר'האָט דעם הזק אומגעקערט.

שטייען זיי, די שטיפּערס, קלאָגען:
ס'איז זיי נעבעך נישט באַשערט
פון די שלאַנגען נַחַת האָבען...
אַך, דאָס שפּיל איז זיי פאַרשטערט!

און פון־ווייטען שפּילט זיך משֶה'ל,
שפּילט זיך אין דעם פרייען פעלד –
און זיין שלאַנג פליט הויך, אַ חִיוּת!
משֶה'לע – ער, לאַכט און קוועלט.



דער

האַק-קאַפּ

פון ווילהעלם בוש

יודיש פון בּווגעלען

נאַטעל און מאַטעל
פון ווילהעלם בוש
יודיש פון טונקעלען

וואַפּעלע
מיט׳ר גענז
פון ווילהעלם בוש
יודיש פון טונקעלען